





# רעדן וועגן קאלאן קענסער קען ראטעווען אייער לעבן:

## אן אנווייזונג זיך דורכצושמועסן

NYC Health



די אנווייזונג קען אייך העלפן רעדן מיט אייער העלט קעיר פראוויידער און באליבטע וועגן סקרינינג פאר קאלאן קענסער (אויך באקאנט אלץ קאלארעקטאל קענסער) און מאכן א פלאן וואס ארבעט די בעסטע פאר אייך. דאס קען ראטעווען אייער אדער א באליבטע'ס לעבן.

ליינט ווייטער צו לערנען וויאזוי צו פרעגן וועגן:

- **ווען זיך צו סקרינינען** (בלאט 3)
- **אייערע קאלאן קענסער סקרינינג אויסוואלן** (בלאט 6)
- **אפהאלטונגען פון ווערן געסקרינט** (בלאט 7)
- **וואס צו טון אויב איר האט סימפטאמען** (בלאט 9)

## 1. ווען זיך צו סקרינען

יעדער קען באקומען קאלאן קענסער. רוב מענטשן זאלן ווערן געסקרינט די ערשטע מאל ווען זיי זענען 45 יאר אלט און זיך ווייטער סקרינען כאטש ביז זיי ווערן 75 יאר אלט. מענטשן מיט א פארהעכערטע ריזיקע פון באקומען קאלאן קענסער דארפן זיך מעגליך אנפאנגען צו סקרינען פארן ווערן 45 יאר אלט.

ווען זיך אנצופאנגען צו סקרינען ווענדט זיך לויט אייער פערזענליכע געזונטהייט היסטאריע און פאמיליע'ס געזונטהייט היסטאריע. טיילט מיט די אינפארמאציע מיט אייער פראוויידער און פרעגט:

- ווען איר זאלט אנפאנגען קאלאן קענסער סקרינינג
- וועלכע טעסט איר זאלט האבן
- ווי אפט זאלט איר ווערן געסקרינט

### ווייסט אייערע פערזענליכע ריזיקע פאקטארן

געוויסע געזונטהייט פראבלעמען קענען עס מאכן מער מעגליך פאר אייך צו באקומען קאלאן קענסער. זאגט פאר אייער פראוויידער אויב איר האט אדער האט געהאט:

- קאלאן אדער רעקטאל קענסער
- קאלאן אדער רעקטאל פאליפס
- אלסערעטיוו קאלייטיס אדער קראונ'ס דעזיז
- א גענעטישע סינדראם אזוי ווי פאמיליעל אדענאמעטאוס פאליפאסיס (Familial Adenomatous Polyposis, FAP) אדער לינטש סינדראם
- סיסטיק פיבראסיס
- סיי וועלכע אנדערע סארט קענסער

**א פאליפ איז א קליינע באמפ אדער געוואוקס אין אייער קאלאן. רוב פאליפס זענען נישט קענסערדיג, אבער טייל קענען פארוואנדלט ווערן אין קענסער.**



## רעדט צו אייער פאמיליע

אפטמאל, לויפט קאלאן קענסער אין פאמיליעס, וועלכע קען אפעקטירן ווי אפט איר זאלט ווערן געסקרינט. זאגט פאר אייער פראוויידער אויב איינער אין אייער פאמיליע האט אדער האט געהאט:

- קאלאן אדער רעקטאל קענסער
- סיי וועלכע אנדערע סארט קענסער
- קאלאן אדער רעקטאל פאליפס
- א גענעטישע סינדראם אזוי ווי FAP אדער לינטש סינדראם

רעדט צו פאמיליע מיטגלידער וועלכע זענען פארבינדן מיט אייך דורך בלוט (נישט דורך הייראט אדער אדאפשן) צו באקומען אינפארמאציע וועגן אייער פאמיליע'ס געזונטהייט היסטאריע. טיילט אויך מיט אייער פערזענליכע געזונטהייט היסטאריע מיט אייער פאמיליע. דאס וועט העלפן אייער גאנצע פאמיליע צו מאכן א פלאן פאר קאלאן קענסער סקרינינג.

זארגט אייך נישט אויב איר קענט נישט אויסגעפינען יעדע איינצלהייט. טוט בלויז וואס איר קענט. **ביישפילן פון פראגעס צו פרעגן און אינפארמאציע מיטצוטיילן מיט אייער פאמיליע רעכנען אריין:**

**"האט איר אדער אייער טאטע אמאל געהאט א קאלאנאסקאפי? האט איר געהאט סיי וועלכע פאליפס?"**

**"וועלכע סארט קענסער האט מיין מומע געהאט? געדענקט איר ווי אלט זי איז געווען?"**

**"איך האב געהאט מיין קאלאנאסקאפי לעצטע וואך. זיי האבן ארויסגענומען צוויי פאליפס וועלכע האבן געקענט פארוואנדלט ווערן צו קענסער."**

קאנצענטרירט זיך אויף נאנטע קרובים, ווי עלטערן, געשוויסטער, און קינדער. עס איז אויך הילפבאר צו וויסן וועגן זיידעס/באבעס און אייניקלעך, מומעס און פעטערס, און פלומעניקס און ניכטעס.

שרייבט אראפ וואס איר לערנט אין די פאלגנדע אפטיילונגען אז איר זאלט עס קענען מיטטיילן מיט אייער פראוויידער:

## קאלאן אדער רעקטאל קענסער:

| וועלכע פאמיליע מיטגליד? | ווי אלט זענען זיי געווען ווען זיי האבן אויסגעפינען? |
| --- | --- |
| | |
| | |
| | |
| | |

## קאלאן אדער רעקטאל פאליפס:

| וועלכע פאמיליע מיטגליד? | ווי אלט זענען זיי געווען ווען זיי האבן אויסגעפינען? | האבן זיי געהאט א פאליפ וועלכע איז געווען פרי-קענסערעס (יא, ניין, אדער נישט זיכער)?* |
| --- | --- | --- |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |

* אויב איר קענט אויסגעפינען מער איינצלהייטן אדער מיטטיילן א קאפיע פון אייער פאמיליע מיטגלידער'ס קאלאנאסקאפי באריכט, וועט עס העלפן אייער פראוויידער וויסן וואס צו רעקאמענדירן.

## אנדערע סארטן קענסער:

| וועלכע פאמיליע מיטגליד? | ווי אלט זענען זיי געווען ווען זיי האבן אויסגעפינען? | וועלכע סארט קענסער? |
| --- | --- | --- |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |

## 2. פרעגט וועגן אייער קאלאן קענסער סקרינינג אויסוואלן

עס זענען דא פארשידענע אויסוואלן פאר קאלאן קענסער סקרינינג. די באקאנטסטע אויסוואל איז א קאלאנאסקאפי און פארשידענע סארטן סטול-באזירטע טעסטס. אייער פראוויידער קען אייך אויך פארשלאגן אנדערע אויסוואלן. אלע סקרינינג טעסטס קענען אייך העלפן באשיצן פון קאלאן קענסער, אבער זיי ארבעטן אנדערש. איר קענט איינזען אז איין אויסוואל איז גרינגער אדער בעסער פאר אייך.

אויב איר האט א העכערע ריזיקע פון באקומען קאלאן קענסער, קען אייער פראוויידער רעקאמענדירן א קאלאנאסקאפי אלץ די בעסטע אויסוואל פאר אייך.

וויסן וויאזוי יעדע סקרינינג טעסט ארבעט און וויאזוי זיך צוצוגרייטן פאר יעדע טעסט קען אייך העלפן מאכן די ריכטיגע באשלוס. איר וועט מעגליך וועלן פרעגן אייער פראוויידער:

- וויאזוי יעדע טעסט ארבעט
- ווי גוט יעדע טעסט כאפט אויף פאליפס און פריע קענסערס
- וואס איר דארפט טון זיך צוצוגרייטן פאר יעדע טעסט
- ווי אפט איר דארפט טון יעדע טעסט
- אויב די טעסטס שטעלן פאר ריזיקעס



## ביישפילן פון פראגעס צו פרעגן אייער פראוויידער רעכנט אריין:

"פון וועלכע סקרינינג טעסטס
קען איך אויסוועלן?"

"אויב מיין סקרינינג
רעזולטאט איז נישט נארמאל,
וואס פאסירט נאכדעם?"

טיילט מיט סיי וועלכע זארגן וואס איר האט וועגן סקרינינג מיט אייער פראוויידער. זיי קענען אייך העלפן שפירן באקוועם מיט די סקרינינג טעסט וועלכע איר וועלט אויס.



פאר מער אינפארמאציע וועגן סקרינינג אויסוואלן, זעט די "Which Colon Cancer Screening Is Right for Me?" (וועלכע קאלאן קענסער סקרינינג איז ריכטיג פאר מיר) פאקט בלאט (אוועילעבל ביי [nyc.gov/health/coloncancer](nyc.gov/health/coloncancer)).



## 3. בעט הילף מיט אפהאלטונגען צו ווערן געסקרינט

לאזט אייער פראוויידער וויסן וועגן סיי וואס, וואס קען אייך מעגליך פארמיידן פון ווערן געסקרינט. זיי קענען מעגליך האבן לעזונגען וואס איר ווייסט נישט פון. צום ביישפיל, אייער פראוויידער קען אייך העלפן:

- שרייבן א צעטל פאר אייער ארבעטסגעבער אייך צו העלפן באקומען קראנקהייט אורלויב פאר א קאלאנאסקאפי.
- אייך העלפן טרעפן א קאלאנאסקאפי פראוויידער נאנט צו אייער הויז.
- לייגן א דערמאנונג אין אייער מעדיצינישע פייל אייך צו העלפן זיך האלטן אפ-טו-דעיט מיט סקרינינגס.
- אייך זאגן וויאזוי צו טרעפן א ביליגע אדער אומזיסטע סקרינינג.
- אייך ערקלערן אייערע אויסוואלן אויב אייער טעסט רעזולטאט קומט נישט צוריק נארמאל.

## ביישפילן פון פראגעס צו פרעגן אייער פראוויידער רעכנט אריין:

"איך האב מורא פון אויסגעפונען אז איך האב קאלאן קענסער. אויב איך האב עס, קען מען עס באהאנדלען?"

"די באועל צוגרייטונג פאר די קאלאנאסקאפי פראצעדור זעט אויס קאמפליצירט. קענען מיר רעדן וועגן דעם?"


## וויאזוי צו באקומען אומזיסטע אדער ביליגע קאלאן קענסער סקרינינג

אויב איר קענט נישט באקומען קיין העלט אינשורענס, אדער אויב אייער העלט אינשורענס דעקט נישט קאלאן קענסער סקרינינג, קענט איר:

- רופן **311** צו ווערן פארבינדן מיט א NYC Health + Hospitals אפטיילונג און אויסגעפונען אויב איר קוואליפיצירט פאר אומזיסטע אדער ביליגע סקרינינג.
- רופט די ניו יארק סטעיט קענסער סערוויסעס פראגראם אויף 866-442-2262 אדער באזוכט **health.ny.gov/diseases/cancer/services**.

### הילף צו באקומען העלט אינשורענס

פאר הילף צו טרעפן צוגענגליכע העלט אינשורענס דעקונג, באזוכט **nyc.gov/healthcoverage** אדער רופט **311**.

### טראנספארטאציע הילף

אויב איר האט New York Medicaid, קענט איר מעגליך באקומען טראנספארטאציע אויב איר האט נישט א וועג אנצוקומען צו העלט קעיר באזוכן, אריינגערעכנט קענסער סקרינינגס. פאר מער אינפארמאציע, רופט Medicaid טראנספארטאציע באהאנדלונג אויף 844-666-6270 אדער באזוכט **medanswering.com**.

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/health/coloncancer**.

NYC Health

3.26 Yiddish

אויב איר האט נישט קיין העלט אינשורענס אדער אייער אינשורענס דעקט נישט די סקרינינג, זעט די "How to Get Low- or No-Cost Colon Cancer Screening" (וויאזוי צו באקומען ביליגע אדער אומזיסטע קאלאן קענסער סקרינינג) פאלם קארטל (אוועילעבל ביי nyc.gov/health/coloncancer) אדער רופט **311**.

רעדן מיט אייערע באליבטע קען אייך אויך העלפן טרעפן לעזונגען צו אפהאלטונגען וועלכע קענען אייך אדער זיי פארמיידן פון ווערן געסקרינט. איר וועט מעגליך וועלן:

- דורכשמועסן אייערע ערפארונגען מיטן סקרינינג.
- מיטטיילן וואס עס מיינט צו טון פארשידענע סקרינינג טעסטס.
- בעטן אדער אנטראגן טשיילד קעיר, טראנספארטאציע, אדער אנדערע הילף פאר א באליבטע וועלכע גייט האבן א קאלאנאסקאפי.

## ביישפילן פון פראגעס צו פרעגן אייער באליבטע רעכענען אריין:

"וויאזוי האט איר באהאנדלט די באועל צוגרייטונג פאר אייער קאלאנאסקאפי?"

"איז עס געווען גרינג צו טון די סטול-באזירטע טעסט?"

"איך האב נישט קיינעם מיר אפצונעמען נאך מיין קאלאנאסקאפי. קענט איר טרעפן צייט צו גיין מיט מיר און מאכן זיכער אז איך קום אהיים אויף א זיכערן אופן?"

## 4. פרעגן וואס צו טון אויב איר האט סימפטאמען

**גייט צו אייער פראוויידער אויב איר האט סיי וועלכע פון די סימפטאמען.ווארט נישט ביז אייער קומענדיגע סקרינינג.** די סימפטאמען מיינען נישט אייביג אז איר האט קענסער. אייער פראוויידער קען אייך העלפן זען וואס איז נישט גוט. אויב מען זעט אז עס איז יא קענסער, ווערט אנפאנגען באהאנדלונג אייך געבן די בעסטע שאנס פון ווערן בעסער.

- בלוט אין אייער סטול (פיסיס) אדער אין די טוילעט נאך א באועל באוועגונג
- סטול וועלכע קוקט אויס טונקל רויט אדער שווארץ
- שלשול אדער פארשטאפטקייט וואס גייט נישט אוועק
- א טויש אין די פארעם פון אייער סטול
- א געפיל אז אייער באועל ליידיגט זיך נישט גענצליך אויס
- ווייטאג אין אייער בויך וואס האלט אין איין צוריקקומען אדער גייט נישט אוועק
- פארלוסט פון אפעטיט אדער אומערקלערטע וואג פארלוסט
- שפירן אומגעווענליך מיד אדער שוואך



**ביישפילן וואס איר קענט מיטטיילן מיט אייער פראוויידער רעכענען אריין:**

"איך האב געהאט
פילע פראבלעמען מיט
פארשטאפטקייט דורכאויס
די לעצטע מאנאט."

"איך שפיר ווי איך קען
נישט גענצליך אויסליידיגן
מיינע באועלס."

"די ווייטאג האט געמאכט
שווער פאר מיר זיך צו
קאנצענטרירן ביי די ארבעט."



# הילפסמיטלען

פרעגט אייער פראַוויידער אויב זיי האָבן די הילפבאַרע הילפסמיטלען אדער דאונלאָודט זיי ביי [nyc.gov/health/coloncancer](https://nyc.gov/health/coloncancer).




"Why You Should Get Screened for Colon Cancer" (פאַרוואָס איר זאָלט ווערן געסקרינט פאַר קאָלאָן קענסער) בראשור




"Which Colon Cancer Screening Is Right for Me?" (וועלכע קאָלאָן קענסער סקרינינג איז ריכטיק פאַר מיר?) פאַקט בלאַט




"When to Get Screened for Colon Cancer" (ווען זיך צו סקרינען פאַר קאָלאָן קענסער) פלאַם קאַרט




"How to Get Free or Low-Cost Colon Cancer Screening" (וויאַזוי צו באַקומען אומזיסטע אדער ביליגע קאָלאָן קענסער סקרינינג) פלאַם קאַרט




"Ten Ways to Lower Your Cancer Risk" (צען וועגן צו פאַרמינערן אייער קענסער ריזיקע) פאַקט בלאַט




"Choosing a Colon Cancer Screening Test" (אויסוועלן א קאָלאָן קענסער סקרינינג טעסט): "Mark's Decision" (מאַרק'ס באַשלוס)




"How to Do an At-Home Colon Cancer Test" (וויאַזוי צו טון א קאָלאָן קענסער טעסט אינדערהיים) אנווייזונג




"Preparing for a Colonoscopy" (זיך גרייטן פאַר א קאָלאָנאָסקאָפּיע): "Sandra's Story" (סאַנדראַ'ס דערציילונג)

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט
**.nyc.gov/health/coloncancer**

NYC Health

3.26 Yiddish